אויף תיכף ארויסצוגעבן: 8/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באדייטנדע פעדעראלע הילף צו רעדוצירן ריינע-ענערגיע קאסטן פאר ניו יארקער**

***'אינפלאציע רעדוקציע אקט' העלפט שטיצן נוקלעארע טרייב קראפט אין ניו יארק סטעיט***

***ניו יארקער באקומען הונדערטע מיליאנען דאלארן אין איינגעשפארטע קאסטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א דאנק דעם 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' (Inflation Reduction Act, IRA), וועלן מיליאנען פון ניו יארקער זעהן א רעדוקציע אויף זייערע יוטיליטי בילס. די IRA געלטער וועלן העלפן שטיצן ניו יארק'ס נוקלעארע פּאַווער פּלענטס צו צושטעלן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט פאר ניו יארקער. די פעדעראלע נוקלארע פראדוקציע טעקס קרעדיט (production tax credit, PTC), אריבערגעפירט אין קאנגרעס און אונטערגעשריבן דורך פרעזידענטביידן אלץ טייל פון דעם IRA, וועט ברענגען באדייטנדע פינאנציעלע שטיצע פאר די פיר נוקלארע רעאקטארס וועלכע זענען אין אפעראציע אין ניו יארק — און דערביי רעדוצירן צוקונפטיגע באצאלונגען דורך ניו יארקע עלעקטריציטעט ביל באצאלער פאר די איינריכטונגען.

"דער אינפלאציע רעדוקציע אקט איז געווען קריטיש צו העלפן ניו יארקער אראפנידערן יוטיליטי קאסטן, בשעת'ן אויך העלפן די סטעיט רעדוקצירן עמיסיעס און קאנפראנטירן די גלאבאלע פראבלעם פון קלימאט טויש," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען דאנקבאר פאר די שטארקע שותפות מיט פרעזידענט ביידן, זיין אדמיניסטראציע און ניו יארק'ס דעמאקראטישע קאנגרעס דעלעגאציע צו שטופן פאר א מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע ניו יארק דורך ביליגערע ענערגיע און עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט."

די ציהלן און פאליסיס פון דעם IRA שטיצן איניציאטיוון און סטראטעגיעס וועלכע זענען שוין בעפאר דעם אוועקגעשטעלט געווארן דורך ניו יארק סטעיט אין לויף פון די פארגאנגענע צען יאר. אין 2016 – אין אנערקענונג פון די אומגעוואונטשענע השפעות וואס קלימאט טויש האט אויף די פובליק געזונטהייט, די ענווייראמענט און די עקאנאמיע – האט די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission, PSC) איינגעפירט די 'ריינע ענערגיע סטאנדארט' (Clean Energy Standard, CES), א פראגראם וואס איז דער ערשטער פון דעם סארט אינעם לאנד צו ארויפלייגן קארבאן רעדוקציע פאדערונגען פאר עלעקטריציטעט פראדוקציע אין ניו יארק. אין 2019 האט די סטעיט אריבערגעפירט דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act) אדער גערופן דער 'קלימאט געזעץ' — א מהפכות'דיגע קלימאט טויש סטאטוט צו אדרעסירן קארבאן עמיסיעס. דער קלימאט געזעץ זוכט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס אריבער די סטעיט מיט 40 פראצענט ביז 2030 און מיט נישט וויניגער פון 85 פראצענט ביז 2050 — אראפ פון די 1990 שטאפלען. דער קלימאט געזעץ פאדערט אויך אז די סטעיט'ס עלעקטריציטעט 'גריד' זאל זיין 100 פראצענט פריי פון עמיסיעס ביז 2040.

**פארזיצער פון די פובליק סערוויס קאמיסיע, ראָרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר פרעזידענטביידן, גאווערנער האקול און די פאראייניגטע שטאטן קאנגרעס פאר זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן אז דער אינפלאציע רעדוקציע אקט וועט שטיצן די אנגייענדע אפעראציע פון באדייטנדע מאסנאמען צו אדרעסירן קלימאט טויש. און די וויכטיגסטע זאך — מיט די PTC'ס דארף די פאטענציאלע השפעה וואס עלעקטריציטעט באניצער אין סטעיטס וועלכע האבן שוין אונטערגענומען שריט צו באקעמפן קלימאט טויש אדרעסירט ווערן דורכן אנערקענען די ווירדע פון די ענווייראמענטאלע אייגנשאפטן וואס קומען פון דאס אויפטרייבונג פון עלעקטריציטעט ביי נוקלעארע איינריכטונגען אן שעדליכע גאזן."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די וויכטיגע פעדעראלע שטיצע, ערמעגליכט דורך פרעזידענט ביידן'ס היסטארישער 'אינפלאציע רעדוקציע אקט', וועט העלפן אז ניו יארק'ס פלענטס קענען פארזעצן צו ביישטייערן צו אונזערע לאנד'ס-פירנדע קלימאט און ריינע-ענערגיע ציהלן בשעת'ן ארויסנעמען די מאקסימום פון די געלעגנהייט צו ברענגען באדייטנדע איינגעשפארטע קאסטן צו ניו יארקער אריבער די סטעיט. Constellation Energy איז שוין פון לאנג א שותף אין די סטעיט'ס באמיאונגען צו צושטעלן פארלעסליכע, עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט אויף די פּאַוער 'גריד' אלץ טייל פון איר פארשידנארטיגע ליסטע פון ריינע קוועלער."

אין אויגוסט 2016, נאכפאלגנדיג אן אפיציעלע אדמיניסטראטיווע איבערבליק פראצעדור, האט די PSC אוועקגעשטעלט די ניו יארקע 'זעראו עמיסיע קרעדיט' (Zero Emission Credit, ZEC) פאדערונג — צו באלוינען די נוקלעארע פלענטס מיט 'נקודות' אדער 'קרעדיטס' פארן אויפטרייבן עמיסיע-פרייע ענערגיע. כדי צו איינפירן די ZEC פאדערונג, האט די PSC אויטאריזירט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו שליסן קאנטראקטן פאר עטליכע יאר אויף איין מאל אין וועלכע די אויטאריטעט וועט צוזאגן צו אפקויפן די ZEC'ס פון די נוקלעארע איינריכטונגען וואס ווייזן ארויס אז זיי זענען נויטיג פאר די פובליקום. פיר נוקלעארע רעאקטארס – Ginna, Fitzpatrick און Nine Mile Point יוניט 1 און 2 – זענען באשטעטיגט געווארן דורך די PSC אז זיי קומען נאך די סטאנדארט צו פאררעכנט ווערן 'נויטיג פאר די פובליקום'. ZEC קאנטראקטן זענען געשלאסן געווארן מיט NYSERDA — זיך רעכענענדיג מיט די מאס פון די ריינע-ענערגיע ביישטייערונגען געמאכט געווארן אין די היסטאריע דורך די פלענט וואס קען פעסטגעשטעלט ווערן; און אזוי אויך זיך רעכענענדיג מיט ווי ווייניג די פארדינסטן זענען ערווארטעט צו זיין פאר יעדע פלענט פונעם פארקויפן זייער ענערגיע; מיט די בענעפיטן און קאסטן פון ZEC'ס אין פארגלייך צו אנדערע ריינע-ענערגיע קוועלער וואו די אויטאריטעט וואלט געקענט אינוועסטירן אנשטאט דעם; און אזוי אויך מיט די השפעה וואס די ZEC באצאלונגען האבן אויף די מענטשן וואס דארפן צאלן פאר די עלעקטריציטעט וואס קומט פון די פלענטס.

ווען די PSC האט צום ערשט אוועקגעשטעלט דעם ZEC פראגראם, האבן זיי אנערקענט אז דער פראגראם וועט מעגליך קענען געטוישט ווערן אין די צוקונפט אין פאל וואס די פעדעראלע רעגירונג וועט שפעטער אנהויבן צושטעלן פינאנציעלע שטיצע פאר נוקלעארע פאווער איינריכטונגען. און די לעצטנס-דורכגעפירטע פעדעראלע 'פראדוקציע טעקס קרעדיט' שטעלט טאקע צו אזעלכע שטיצע.

די ZEC קאנטראקט פאר יעדע פלענט ווערט מקויים אין זעקס צוויי-יעריגע שטאפלען, און די ערשטע שטאפל האט זיך אנגעהויבן אום אפריל 1, 2017. די פרייז וויפיל יעדע ZEC איז ווערט פאר יעדע צוויי-יעריגע שטאפל ווערט באשטימט לויט וויפיל די פעדעראלע רעגירונג שאצט די 'געזעלשאפטליכע פרייז פון קארבאן' צו זיין, און דאס קען זיך טוישן אויף אראפ — גענוי וואס איז געשעהן ביים אנהויב פון די פערטע שטאפל וואס האט זיך אנגעהויבן אום אפריל 1, 2023.

די ZEC קאנטראקטן דערמאנען אויסדרוקליך אז די פרייז וואס וועט באצאלט ווערן פאר א ZEC וועט געטוישט ווערן לויט ענדערונגען אין די געזעץ וואס זענען משפיע אויף די אריגינעלע עקאנאמישע בענעפיטן פון די קאנטראקט, צום ביישפיל אויב א פעדעראלע טעקס קרעדיט ווערט געגעבן ציהלנדיג אויף נוקלעארע פראדוקציע – גענוי ווי די IRA פראדוקציע טעקס קרעדיט טוט. ווען Constellation וועט אנהויבן אויסנוצן די פעדעראלע PTC מיט די באהויפטונג אז זיי זענען די אייגנטימער פון די נוקלעארע אויפטרייבונג יוניטס אין אפסטעיט ניו יארק, אראפרעכענענדיג די טעקס קרעדיטס פון זייער ביזנעס טעקס ריטוירן אין 2025 פאר די שטייער יאר פון 2024, וועט די PTC גענוצט ווערן צו פארקלענערן די ווערט פון די ZEC באצאלונגען. די PTC וועט פראקטיש מאכן עלעקטריציטעט ביליגער פאר ניו יארקע באניצער, פאטענציאל איינשפארנדיג הונדערטע מיליאנען דאלארן שוין אין 2025.

Constellation Energy איז די אייגנטומער אדער קאנטראלירער פון די פיר נוקלעארע פאווער רעאקטארס וועלכע זענען אין אפעראציע אין ניו יארק סטעיט, געפונענדיג זיך ביי די Ginna, Fitzpatrick און Nine Mile יוניטס 1 און 2 לאקאציעס אויף לעיק אָנטאַריאו.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן